בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים



## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

#### די מאה ברכות באשיצן פון די מאה קללות

**"אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם" (כט ט)**

"למה נסמכה פרשה זו לפרשת קללות? לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים בפרשה זו, חוץ מארבעים ותשע שנאמרו בתורת כהנים, מיד הריקו פניהם ואמרו: מי יוכל לעמוד באלו?! מיד קרא אותם משה והיה מפייסן בדברים" (תנחומא א).

אין ספר 'המנהיג' (בפתיחה) שטייט אז דער חיוב פון זאגן 'מאה ברכות' יעדן טאג איז שוין א תקנה פון משה רבינו, און כאטש די חכמים זאגן (במ"ר יח כא) אז דוד המלך האט עס מתקן געווען, איז זייער כוונה אז אין לויף פון די יארן איז עס פארגעסן געווארן און דוד האט עס צוריק באנייט.

לויט דעם טייטש דער **חיד"א**, אז די פיוס ווערטער פון משה פאר די אידן וואס ווערן דערמאנט אין מדרש זענען די 'מאה ברכות' וואס ער האט מתקן געווען פאר זיי אקעגן די קללות, אז אויב זיי וועלן מקפיד זיין עס צו זאגן וועלן זיי געראטעוועט ווערן פון די קללות, אזוי ווי דער רוקח שרייבט (סי' שכ) אז וואס זאגט די מאה ברכות ווערט געראטעוועט פון די מאה קללות; אכט און ניינציג פון פרשת כי תבוא, און נאך צוויי וואס זענען מרומז אין פסוק (דברים כח סא): "גַּם כָּל חֳלִי וְכָל מַכָּה".

א רמז אויף דעם קענען מיר טרעפן אין די ווערטער פון דוד המלך אין תהלים (טז ט): "לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי אַף בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח"; אין זכות פון "לָכֵן" [וואס איז בגימטריה מאה] ברכות, וועל איך געראטעוועט ווערן פון די קללות, און מיין הארץ און מיין קערפער וועלן זיך פרייען געזונטערהייט.

'רוח חיים' דרוש א; 'חמת אנך' תהלים טז

#### א חיוב פון גלייבן - א חיוב פון ווארטן

**"וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים" (ל ג)**

דער רמב"ם שרייבט (מלכים יא א): "המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות בית דוד... ובונה מקדש ומקבץ נדחי ישראל... **וכל מי שאינו מאמין בו או מי שאינו מחכה לביאתו**... הוא כופר בתורה ובמשה רבנו, שהרי התורה העידה עליו שנאמר: 'וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים'...".

**הגרי"ז סאלאווייטשיק** פון בריסק האט ערקלערט:

פון די ווערטער פון רמב"ם זעט מען קלאר אז עס איז נישט גענוג צו גלייבן אין ביאת המשיח, נאר עס איז דא נאך א חיוב: אים צו ווארטן, אזוי ווי מיר זאגן ביי שמונה עשרה: "כי לישועתך קוינו כל היום".

#### 'תשובה גדולה' אויף א קליינע ווארט

**"וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם..." (ל ב)**

איינע פון די שטרויכלונגען וואס שטייען אויפן וועג פון דער וואס וויל תשובה טון, איז מיט דעם וואס ער פארלייגט זיך אויף די זינד וואס קוקן אויס אין זיינע אויגן ווי ערנסטע זינד, און טוט זיך פארהוילן פון די זינד וואס זען אויס אין זיינע אויגן גרינג. צ.ב.ש. ענטפערן אמן; עס זענען דא וואס האבן א טעות אז מ'דארף נישט תשובה טון אויף נישט ענטפערן אמן, אבער דער מקובל **רבי מאיר הכהן פאפירש** פון די גורי האר"י האט מגלה געווען אז די זינד איז אזוי הארב, אז מ'דארף אויף דעם טון א 'תשובה גדולה'. און אזוי שרייבט ער:

"עס פעלט אויס א 'תשובה גדולה' פאר דער וואס ענטפערט נישט קיין אמן - אויך אויב ער האט נאר איינמאל נישט געענטפערט - אויב ער האט געהערט א ברכה אפילו אויף א פרוכט, אדער ווען זיין חבר האט געזאגט א ברכה אויף עפעס א מצוה, און אוודאי ביי די הויכע שמונה-עשרה... און ביי די וידוי **אשמנו** פון יעדן טאג זאל ער פארגיסן טרערן אויף די אמן'ס וואס ער האט נישט געענטפערט".

'אור הישר' ז יח-יט

וועגן דעם דער 'אני מאמין' וואס רעדט וועגן ביאת המשיח איז געזאגט געווארן אויף א שטייגער פון א 'שקלא וטריא': "אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח, **ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא**". לכאורה אויך די אנדערע 'אני מאמין' וואלט מען געקענט אויסשטעלן אויף דעם נוסח, צ.ב.ש.: 'אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו גומל טוב לשומרי מצוותיו ומעניש לעוברי מצוותיו, ואף על פי שמצינו 'צדיק ורע לו ורשע וטוב לו' - עם כל זה אני מאמין'. פארוואס פונקט דער 'אני מאמין' וואס האנדלט וועגן ביאת המשיח האט מען מתקן געווען אויף אזא לשון? נאר, ווייל ווי געזאגט, מיט דעם באטאנט מען נאך א יסוד אין אמונה, און דאס איז ווארטן און האפן אויף די גאולה. דעריבער נאכן אויסרופן אונזער אמונה אין ביאת המשיח, לייגן מיר צו און דערמאנען אונזער שטענדיגע האפענונג אויף זיין אנקום.

קובץ 'הנאמן' אלול-תשרי תש"כ; 'פניני רבינו הגרי"ז' עמ' פה

#### די תפילה פון משה 'עושה מחצה'

**"וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם" (לא ב)**

זאגט **רבי פנחס הלוי הורוויץ** דער פראנקפורטער רב:

דעם קאפיטל (תהילים צ): "תפילה למשה איש האלקים", האט משה רבינו עליו השלום געזאגט ווען ער איז געקרוינט געווארן מיטן טיטול 'איש האלקים' בשעת מתן תורה. דעמאלטס איז משה אלט געווען אכציג יאר, אזוי ווי עס שטייט אין די פארזעצונג פון דעם קאפיטל (שם י): "ואם בגבורות שמונים שנה". און דאס האט ער געבעטן (שם טו): "שמחנו כימות עניתנו שנות ראינו רעה" - טו מיר שענקן נאך אכציג פרייליכע יארן, אקעגן די אכציג יאר וואס איך בין געווען פארפלאגט און געפייניגט אין די צייט פון שיעבוד מצרים.

און ווייל מיר האבן דאך א כלל (דב"ר ח א): "תפילה עושה מחצה", האט משה זוכה געווען לעבן נאך פערציג יאר - האלב פון אכציג, און איז נפטר געווארן אין עלטער פון הונדערט און צוואנציג.

'פנים יפות' במדבר כז יב

#### צוויי חיובים אין איין מצוה

**"וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם" (לא יט)**

וואס איז דער לשון 'שימה בפיהם', ווען איינער לערנט מיט א צווייטן לייגט ער עס אריין אין זיין אויער און נישט אין זיין מויל?

א וויכטיגער כלל האט **רבי משה סאלאווייטשיק** פון שווייץ ארויסגעלערנט פון דא:

אנדערשט פון אלע מצוות וואס דער מענטש איז מחויב געווארן זיי מקיים זיין, אבער ער איז נישט מחוייב זארגן אז אויך אנדערע זאלן עס מקים זיין [נאר ער איז מחוייב צוליב א אנדערע חיוב צ.ב.ש. די מצוה פון תוכחה], האט די מצוה פון תלמוד תורה אין זיך א ספעציעלע חיוב - אויסלערנען פאר אנדערע.

דער יסוד ווערט אויך באטאנט אין די זעלטענע ברכה וואס מ'האט מתקן געווען אויף די מצוה פון לימוד התורה, ווי דארט איז צוגעלייגט געווארן א ספעציעלע בקשה אויף אנדערע: "והערב נא ה' אלוקינו את דברי תורתך בפינו ובפיות עמך בית ישראל ונהיה אנחנו וצאצאינו... וצאצאי עמך בית ישראל...".

דעריבער האט הקב"ה באפוילן פאר משה מיט דעם לשון: "שימה **בפיהם**", און מיט דעם האט ער אים מרמז געווען ער זאל לערנען תורה מיט אידן ביז עס וועט זיין 'בפיהם', ד.מ.: זיי זאלן עס קענען אויסלערנען פאר אנדערע, און מיט דעם וועלן זיי מקיים זיין בשלימות די מצוה פון לימוד התורה.

'והאיש משה'




המֶּלֶךְ!

אין מסכת שבת (קיט ב) זאגן די חכמים: "מאי אמן? 'א-ל מלך נאמן'". ערקלערט דער מהרש"א (ח"א שם) אז דער וואס ענטפערט אמן זאגט עדות: "אז דער נאמען 'א-ל' וואס השי"ת ווערט אזוי אנגערופן אגאנץ יאר [הא-ל הקדוש], און דער נאמען 'מלך' וואס ער ווערט אנגערופן אין ראש השנה און יום כיפור [המלך הקדוש] - איז באגלייבט און ריכטיג".

**טייערער איד! זיי מקפיד אין די טעג צו זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא, און דורך דעם וועסטו אנהייבן דיין טאג מיט א עדות וואס איז ספעציעל פארבינדן מיט די טעג - אז דער אויבישטער איז: 'א-ל מלך נאמן'.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'מה טובו' (א)

### 'אשרינו מה טוב חלקנו'

צו א גרויסע זכות האבן מיר אידן - בני מלכים זוכה געווען, מיר האבן די מעגליכקייט צו באזוכן דעם שטוב פון אונזער פאטער, אב הרחמן, דער מלך מלכי המלכים, יעדן טאג און יעדע צייט, איבערהויפט אין די דריי צייטן וואס מ'דאווענט פאר אים יעדן טאג, אים לויבן און באשיינען, בעטן פון אים אויף אונזער לעבן, און אויסשמועסן אונזערע זארגן.

די התרגשות וואס האט אונז געדארפט ארומנעמען אריינקומענדיג אין שול - בית מקדש מעט - קען נישט זיין וויניגער פון די התרגשות וואס נעמט אונז ארום ווען מיר שטייען אויף די שוועל פון די טיר ביי א מלך בשר ודם, און פון דעסוועגן, די כח פון 'געוואוינהייט' וואס ארבעט ביי יעדן מענטש, ברענגט צו מיר זאלן עס טון ווי מצות אנשים מלומדה.

צוליב דעם האט מען מתקן געווען צוזאגן די סעריע פסוקים וואס הייבן זיך אן מיט דעם פסוק 'מה טובו', כדי בעפאר מיר קומען אריין אין שול זאלן מיר געדענקען וואס מיר האבן זוכה געווען, און לויט דעם ווענלן מיר זיך פירן ווי עס פאסט זיך (של"ה מסכת חולין דרך חיים תוכחת מוסר בהג"ה אות ר). און אזוי ברענגט דער 'משנה ברורה' אין דעם ענין (פתיחה לסי' מו): "קודם בואו לבית הכנסת, בעוד שהוא עדיין בחצר בית הכנסת, יאמר: 'בבית אלקים נהלך ברגש'. וירגיש וירתיע עצמו בהכנסתו לבית הכנסת מרוב פחדו, וימתין וישהא מעט, ויאמר: 'ואני ברוב חסדך אבא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך', ואחר כך יכנס".

### די פסוקים פון 'מה טובו'

אין אונזערע סידורים, לויט דער נוסח וואס ווערט געברענגט אין סידור הראב"ן און אין נאך אלטע סידורים, זענען אויסגעשטעלט געווארן ביי 'מה טובו' פינף ספעציעלע פסוקים וואס דאס זאגן פארן דאווענען קען צוברענגען עס זאל הערשן א 'מורא מקדש' אויף דער וואס זאגט עס - ער זאל וויסן 'לפני מי אתה עומד', און אזוי וועט ער אריינגיין אין שול מיט א ערנסקייט, ווי עס פאסט פאר די וואס קומען אריין אין השי"ת'ס וואוינונג.

אין די ארטיקל וועלן מיר פרובירן אביסל זיך מתבונן זיין אין די באדייט פון די פסוקים, ווייל ווי געזאגט, די התבוננות קען ברענגען דעם מענטש א התעוררות צו וויסן און איינערקענען די הייליגקייט פון שול און די גרויסע זכות וואס מ'האט אז מ'קען קומען אין שול און אויסשמועסן די געברויכן פארן מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און דורך דעם זיך פירן ווי עס פאסט זיך ('תוצאות חיים' [לבעל 'ראשית חכמה'] הנהגה נב).

### 'מה טובו אהליך יעקב'

דער ערשטער פסוק: "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל" (במדבר כד ה), איז פון די ברכות וואס בלעם איז געצווינגען געווען ארויסזאגן מיט זיין מויל, נאך וואס ער איז געשיקט געווארן דורך בלק צו שעלטן די אידן. דער פסוק, וואס אויף דעם זאגן די חכמים (סנהדרין קה ב) אז אנדערשט פון די אנדערע ברכות פון בלעם וואס זענען איבערגעדרייט געווארן אויף קללות, איז דאס איבערגעבליבן אויף אייביג ווי א ברכה, אזוי ווי מיר זען אין לויף פון אלע דורות, שילדערט די גרויסע זכות וואס כלל ישראל האט זוכה געווען מיט דעם וואס הקב"ה האט זיי אוועקגעשטעלט שולן וואס ווערן אנגערופן 'אהלים' און 'משכנות', ווי אין זיי לערנט מען תורה און מ'דאווענט דארט.

אויף די 'אהלים' און 'משכנות', איז פאסיג צו משבח זיין מיטן לשון: "מה טובו", ווייל די גוט'ס וואס קומט אראפ דורך די שולן קומט נישט נאר פאר די וואס קומען דארט אריין, נאר אויך פאר די אנדערע מענטשן אויף דער וועלט (ספורנו במדבר כד ה).

דער 'שפת אמת' צייכנט אן אז מ'האט אויסדערוועלט דעם פסוק ווייל מיטן עס זאגן איז מען אויך מקיים א עקסטערע מצוה - געדענקען 'מעשה בלעם', אזוי ווי דער נביא זאגט (מיכה ו ה): "עַמִּי זְכָר נָא מַה יָּעַץ בָּלָק מֶלֶךְ מוֹאָב וּמֶה עָנָה אֹתוֹ בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר מִן הַשִּׁטִּים עַד הַגִּלְגָּל לְמַעַן דַּעַת צִדְקוֹת ה'", און אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות יב ב): "אמר רבי אבהו בן זוטרתי אמר רבי יהודה בר זבידא: מ'האט געוואלט קובע זיין צו זאגן 'פרשת בלק' ביי קריאת שמע, און פארוואס האט מען עס נישט קובע געווען - צוליב די פלאגעניש פונעם ציבור" ('ליקוטי יהודה' בלק).

מ'דארף אנצייכענען אז דער מהרש"ל (שו"ת, סי' סד, און ענליך צו דעם שרייבט דער יעב"ץ אין זיין סידור) זאגט אויף זיך אז ער האט זיך נישט געפירט זאגן דעם פסוק, ווייל בלעם אליין האט עס געזאגט לשם קללה.

### 'ואני ברוב חסדך'

אין דער פסוק (תהלים ה ח): "ואני ברוב חסדך אבוא ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך", דערציילט דוד המלך אויף זיך אז ער קומט אריין אין השי"ת'ס וואוינונג מיט יראה און הכנעה פון זיין גרויסקייט, כדי צו לויבן אויף די פול חסדים וואס השי"ת האט מיט אים געטון (רש"י ומלבי"ם שם). אויך מיר קענען זיך אפלערנען פון דער פסוק צו וויסן די ציל פון אונזער קומען אין שול, און די וועג וויאזוי מיר דארפן זיך דארט אויפהאלטן - "ביראתך".

עס זענען דא וואס טייטשן אז די ווערטער "ברוב חסדך - אבוא ביתך" טון שילדערן דעם גרויסן חסד וואס הקב"ה האט אונז געטון מיט די עצם זאך אז ער האט אונז געגעבן א ערלויבעניש דאווענען פאר אים טאג טעגליך, טראץ מיר זענען ארומגענומען מיט עבירות, און מיר זענען נישט ראוי צו קומען אין שול און דאווענען פאר אים ('עיון תפילה').

רבי יחזקאל אברהמסקי פלעגט זאגן:

דו קענסט טראכטן ביי דיר אין הארץ; אט יעצט בין איך ארויס פון מיין ווארעמע בעט אין א קאלטע ווינטער טאג דערנאך וואס נעכטן ביינאכט בין איך שפעט איינגעשלאפן, און יעצט מאך איך מיין וועג אין דער קעלט און רעגן אנצוקומען אין שול - עס איז קלאר אז מ'דארף שעצן מיין איבערגעגעבנקייט צום אייבערשטן... אבער לייג צו קאפ צו די ווערטער וואס דוד המלך האט געזאגט ווען ער איז געקומען אין שול: "ואני **ברוב חסדך** אבא ביתך" - דו רבונו של עולם האסט מיר א טובה געטון, מיט דעם וואס דו האסט מיר מזכה געווען קומען אין שול און דאווענען פאר דיר.

מיר אלע ווייסן וויפיל ערליכע מענטשן ליגן אין די שפיטעלער און קענען נישט אויפשטיין פון בעט. און וויפיל זיי וואלטן געצאלט נאר כדי זוכה זיין אויפשטיין איינמאל פון בעט און אראפגיין אין שול דאווענען נאר איין תפילה, און מיר זענען זוכה מיטן אייבערשטנ'ס הילף שטיין פארן אייבערשטן דריי מאל אין א טאג און דאווענען פאר אים ווען מיר זענען געזונט און שטארק, וויפיל זענען מיר מחוייב דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם פון טיפן הארץ ('פניני רבנו יחזקאל' ח"א עמ' כח).

עס איז אינטערעסאנט אנצייכענען וואס עס ווערט געברענגט אין 'ספר העיתים' פון ר"י אלברצלוני (סו"ס קעד) אין נאמען פון די גאונים, אז זאגן דער פסוק האט זיך אנגעהויבן דורך א מנהג. צוליב דעם וואס מ'טאר נישט ציילן מענטשן, האט מען זיך געפירט אז ווען די מתפללים האבן זיך צוזאמם גענומען אין שול, האבן זיי געזאגט די צען ווערטער פון דער פסוק, איינס נאכן צווייטן, ווען דער ערשטער זאגט 'ואני', דער צווייטער 'ברוב', א.א.וו.. ווען מ'האט געענדיגט דעם פסוק, האט מען געוואוסט אז עס איז דא א מנין אין שול. פון דעמאלטס אן און ווייטער האט מען שטענדיג זיך געפירט עס צו זאגן ווען מ'קומט אריין אין שול.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## מקבץ נדחי ישראל. אמן.

די ניו-יארקער רעגן וואס האט מיט איבערראשונג אפגעווארט דעם רבי שלמה, א חשובער יונגערמאן א איינוואוינער אין איינע פון די צפון שטעט אין אר"י, האט אים מיטאמאל צוריק געברענגט אויף דער וועלט. פאר א קורצע צייט איז ער אראפ פון די עראפלאן וואס האט אים געברענגט פון ארץ ישראל קיין אמעריקא. דאס מאל איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס זיינע פוס זענען געשטאנען אויף די ניו-יארקער באדן, אבער דאס מאל איז ער גרייט געווען אויפגעבן די רייזע וואס איז אויף אים פלוצלינג 'ארויפגעפאלן'.

נעבן אים איז געגאנגען מיט שוואכע טריט ר' שבתאי, זיין פריינד און שכן, אויף זיין פנים דערקענט זיך א גרויסע זארג און א אומקלארקייט. נאר פאר עטליכע טעג האט ער באקומען פון די דאקטורים די שווערע בשורה אז א געפארפולע קראנקהייט שלאגט זיך מיט זיין לעבן. נאכן זיך שנעל באראטן מיט גרויסע דאקטערישע עסקנים איז אים קלאר געווען אז ער מוז שוין פליען קיין ניו יארק, דארט, אין די שפיטאל וואס איז אין די וואשינגטון הייטס'ס געגנט אין מאנהעטן, איז דא א דאקטער וואס קען זיך גוט אויס אין די סארט קראנקייט און מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט ער אים קענען ראטעווען זיין לעבן.

אויף נישט א געווענליכן וועג האבן די איבערגעגעבענע עסקנים ערלעדיגט פאר אים א באלדיגע אפוינטמענט אין די קליניק פון דער דאקטער, א פאספארט, א וויזע און אלע אנדערע געברויכן, עס זענען באשטעלט געווארן טיקעט'ס צו פליען און עס איז נאר איבערגעבליבן צו טרעפן א פאסיגער באגלייטער וואס וועט זיך קענען אויפהאלטן נעבן אים אין לויף פון די תקופה וואס ער וועט דארפן זיך אויפהאלטן אין א פרעמדע לאנד. דער רב פון די קהילה האט געטראכט אז דער ר' שלמה איז דאס מערסטע פאסיג אויף די אויפגאבע, און ער פון זיין זייט האט נישט געקענט אפזאגן.

די אפעראציע איז באשטימט געווארן אויף מאנטאג מיטאג. פיר טעג פריער, פרייטאג, האט דער קראנקער געדארפט אריינגיין אין שפיטאל אריבערגיין די וויכטיגע אונטערזוכונגען בעפאר די אפעראציע. די ערשטע אונטערזוכונג איז געווען זייער א שווערע ווען מ'האט אים עפעס אריינגעלייגט אין זיין קערפער, נאכדעם האט מען ארויף געפירט די בעט פונעם קראנקן צו זיין צימער אין די פינעפטע שטאק, און זיין באגלייטער איז אנגעווארנט געווארן אז פון נאך די אונטערזוכונג אין לויף פון די קומענדיגע פיר און צוואנציג שעה איז שטרענג פארבאטן פארן קראנקן זיך נישט רירן, ווייל יעדע ריר קען אריינלייגן זיין לעבן אין א געפאר.

ר' שלמה האט זיך דערנענטערט צו זיין פריינד און אים אריינגעזאגט אין אויער: "שבתאי, אין לויף פון די קומענדיגע פיר און צוואנציג שעה'ן טארסטו זיך נישט ריקן. אבער זארג נישט, איך וועל איבערבלייבן נעבן דיר, איך וועל נישט אוועק גיין אויף די תפילות אדער אויף די שבת'דיגע סעודות, איך בין דא פאר דיר! אבער נאר איין זאך בעט איך פון דיר: די שבת דערנענטערט זיך, איך מוז ארויסגיין פון שפיטאל איינקויפן די וויכטיגע שבת'דיגע עסן אין א דערנעבנדיגע כשר'ע געשעפט, און איך קום שוין צוריק. דערווייל - ריק דיך נישט!".

נאכן באקומען די צושטימונג פונעם קראנקן איז ר' שלמה ארויס פון שפיטאל, ער האט איינגעקויפט עטליכע בילקעס, א פושקע געפילטע פיש, א פלאש 'מיץ ענבים' און פלעסטיק געלעזער, און איז באלד צוריק.

די שבת איז אריין. דער קראנקער און זיין באגלייטער האבן צוזאמען געדאוונט, געזינגען צוזאמען 'שלום עליכם' און 'אשת חיל'. ר' שלמה האט אנגעגאסן די בעכער און געמאכט קידוש מיט א ברען. קוים האט ער אנגעיאגט אויסטרינקען די קידוש-וויין ווען די טיר האט זיך ווילד געעפנט.

ביי די טיר זענען געשטאנען צוויי 'שווארצע' ריזן, אין האנט האבן זיי געהאלטן א דאקומענט ווי דארט שטייט אז זיי דארפן נעמען דעם קראנקן אויף א נאך א אונטערזוכונג. ר' שלמה האט פרובירט זיך אקעגן שטעלן מיט א צובראכענעם ענגליש אז די לעבן פונעם קראנקן לייגן זיי אריין אין א געפאר, ער טאר זיך נישט ריקן... אבער זייער רעאקציע איז געווען; "רוק דיך אוועק, און האלט נישט אפ!" - האבן זיי געשריגן צו אים ווילדערהייט, זיי האבן אריבערגעפירט דעם קראנקן אויף א טראגבעטל און ארויסגעגאנגען מיט אים.

ר' שלמה האט נישט געהאט קיין אנדערע אפציע נאר זיי נאכגיין. זיי זענען אריין אין די עליוועטער און ער איז זיי נאכגעלאפן. די עליוועטער איז שנעל אראפגעפארן ביז די אונטערשטע שטאק, דארט געפונט זיך די רענטגען-אפטיילונג.

ר' שלמה האט באטראכט די סאך פאציענטן וואס האבן געווארט אין רייע און האט פארשטאנען אז זיי דארפן נאך אסאך ווארטן. נאך א טראגבעטל איז אהין געברענגט געווארן. אויף דעם איז געליגן א עלטערע פרוי וואס האט שווער געאטעמט, און פון איר בלאסע און מאגערע געשטאלט האט זיך אויסגעזען אז אירע טעג זענען געציילטע. אנדערשט פון די איבריגע קראנקע, איר האט קיינער נישט באגלייט. צו זיין גרויסע וואונדער האט די אלטיטשקע אויפגעהויבן אירע הענט און אים געווינקען ער זאל זיך דערנענטערן צו איר.

"גוט שבת!" - האט זי אים געזאגט, און דאס האט אים צוגעברענגט א געוואלדיגע התרגשות. "שבתאי" - האט דער גערירטער ר' שלמה אריינגערוימט פאר זיין פריינד, "דא געפונט זיך א אידישע קראנקע פרוי, זי ווייסט אפילו אז היינט איז שבת...".

ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג הערנדיג די רייד פון זיין חבר: "שלמה, גיי ארויף אין צימער, ברענג די מיץ ענבים מיט א בעכער, און מאך פאר איר 'קידוש', זי האט זיכער היינט נישט אנגעיאגט צו הערן קידוש...".

די ווערטער 'גיי ארויף אין צימער' האט געמיינט ארויפקריכן אכצן שטאק מיט די פוס, אבער ר' שלמה וואס האט פארשטאנען די געוואלדיגע זכיה וואס ער האט, האט זיך נישט אפגעהאלטן. אויסער די סאך טרעפ וואס ער האט געדארפט קריכן, האט ער אויפן וועג באגעגנט עטליכע עלעקטערישע טירן וואס ער האט געדארפט ווארטן ביז זיי וועלן געעפענט ווערן דורך אנדערע דורכגייער, אזוי זענען אריבער לאנגע מינוטן ביז ער איז אנגעקומען פארסאפעט און קיין אטעם אין צימער - נאר צו טרעפן די צימער פארשלאסן...

'אויב איך בין אנגעקומען ביז דא', האט ר' שלמה געטראכט צו זיך, 'האב איך נישט קיין רשות זיך מייאש זיין!'. אים איז נאר איבערגעבליבן צו דאווענען פון טיפן הארץ עס זאל געשען א נס און די טיר זאל זיך עפענען אויף די וועג צי אויף א אנדערע. זיין דאווענען איז אנגענומען געווארן און א אמת'דיגע נס האט פאסירט - איינער פון די גוי'שע ארבעטער האט זיך פארטומלט און בטעות האט ער געעפנט די צימער, ווען ער האט באמערקט זיין טעות, האט ער שנעל געוואלט פארמאכן די טיר, אבער ר' שלמה איז שנעל אריינגעשפרינגען ווי א געביסענער פון א שלאנג און האט אים אפגעהאלטן פון פארמאכן.

ווען ער איז אריין אין צימער איז ער 'אראפגעפאלן' אויף די פאטעל אינגאנצן פארמאטערט, זיך אפגערוהט איין מינוט, און באלד גענומען די מיץ ענבים מיט די בעכער און זיך אויסגעדרייט אראפ גיין. אראפ גיין איז גרינגער פון ארויף גיין, אבער אויפן וועג האט ער נאך געדארפט אריבער די אלע עלעקטערישע טירן.

ענדליך איז ער אנגעקומען אין די ווארט-צימער. ער איז שנעל צוגעגאנגען צו די קראנקע און איר געזאגט אז ער איז געקומען מאכן פאר איר קידוש. טרערן פון התרגשות זענען געשטאנען אין אירע אויגן ווען ר' שלמה האט איר געזאגט די גאנצע נוסח פון קידוש. ווען ער האט געענדיגט: "ברוך אתה ה' מקדש השבת", איז ער איבערראשט געווארן הערן פון די קראנקע פרוי ווי זי ענטפערט 'אמן' מיט א קלארע און הויכע שטימע.

ר' שלמה האט נישט פארשטאנען וויאזוי א פרוי וואס האלט ממש אויפן גרעניץ פון שטארבן, קען ארויסזאגן א ווארט אזוי הויעך. פלוצלינג האט ער געהערט די אפגעשוואכטע שטימע פון די פרוי וואס האט אים פארציילט:

"איך בין אויפגעוואקסן אין א פרומע שטוב, אבער שוין פופציג יאר וואס איך האב נישט געהערט קידוש! ווען די דייטשן זענען אריין אין אונזער שטעטל און אויסגעמארדעט אונזער פאמיליע, איז מיר יא געלונגען צו אנטלויפן, און קיין אמעריקא בין איך אליין אנגעקומען, עלנד און איינזאם, ווען מיין גאנצע ווילן איז נאר צו פארגעסן מיין שווערע פארגאנגנהייט.

פופציג יאר האב איך נישט געהערט קידוש און נישט געענטפערט אמן, און דו ביזסט געקומען און האסט מיר מזכה געווען מיט דעם...".

די פרוי האט געענדיגט אירע ווערטער און אירע אויגן האבן זיך פארמאכט אפגעשוואכטערהייט, און אין הארץ פון ר' שלמה האט אויסגעבראכן א שטורעם.

זיין התרגשות האט זיך פארשטארקט נאך א קורצע צייט, ווען ער איז געוואר געווארן אז די פרוי האט אויסגעהויכט איר נשמה. צוועלעף טויזנט קילאמעטער האט ער געדארפט פארן כדי צו מזכה זיין א אידישע פרוי מיט ענטפערן אמן, נאך פופציג יאר וואס זי האט צו דעם נישט זוכה געווען, דאס לעצטע מאל אין איר לעבן.

'אמונה שלימה' אחרי מות

עיצובים shay